53 און עס איז געשעען, ווען ישוע האָט געענדיקט
54 די דאָזיקע משלים, איז ער פֿון דאָרטן אַוועק. און
איז געקומען אין זיין לאַנד אַריין, און האָט זיי
געלערנט אין זייער שול, אַז זיי האָבן געשטוינט
און געזאָגט: פֿונוואַנען האָט ער די דאָזיקע חכמה,
55 און די וואונדער? איז ער דען נישט דעם סטאָליערס
זון? הייסט דען נישט זיין מוטער מרים און זיינע
ברידער יעקב און יוסף און שמעון און יהודה?
56 און זענען דען נישט אַלע זיינע שוועסטער ביי
אונדז? פֿונוואַנען קומט צו אים דאָס אַלץ?
57 און זיי זענען נכשל געוואָרן אין אים. ישוע אָבער
האָט צו זיי געזאָגט: קיין נביא איז נישט אָן כּבוד,
אַ חוץ אין זיין פֿאָטערלאַנד, און אין זיין אייגן
58 הויז! און ער האָט דאָרטן נישט געטון קיין סך
וואונדער צוליב זייער אומגלויבן.

## קאַפּיטל פֿערצן

1 אין יענער צייט האָט הורדוס דער טעטראַרך
2 געהערט פֿון ישועס שם, און האָט געזאָגט צו
זיינע דינער: דאָס איז יוחנן המטביל; ער איז
אויפֿגעשטאַנען פֿון די טויטע; און דערפֿאַר ווירקן
3 אַזוי די כּוחות אין אים. וואָרום הורדוס האָט
דעם יוחנן געפֿאַנגען גענומען, און אים געבונדן,
און איינגעזעצט אין תּפֿיסה, צוליב הורודיה, דאָס
4 ווייב פֿון זיין ברודער פֿיליפּוס. וואָרום יוחנן האָט
5 צו אים געזאָגט: דו טאָרסט זי נישט האָבן. און ער
האָט אים געוואָלט טייטן, און האָט זיך געפֿאָרכטן
פֿאַר דעם המון, ווייל מען האָט אים געהאַלטן פֿאַר אַ
6 נביא. נאָר ווען מען האָט געפֿייערט הורודוסנס
געבוירנטאָג, האָט הורודיהס טאָכטער געטאַנצט